# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

סוכות תשפ"ב
שנה ג'

## א צייטווייליגע וועלט

חלק א. פערציג יאר אין די סוכה • חלק ב. א וואך אין די סוכה • חלק ג. א גאנץ לעבן אין די סוכה

## חלק א. פערציג יאר אין די סוכה

### אן אויסדריק פון פסוק

ווען דער באשעפער האט באפוילן אידישע קינדער צו פארלאזן יעדעס יאר זייערע היימען פאר זיבן טעג און זיך ארייננציען אין א סוכה, שטייט דער באפעל מיט אן אינטערעסאנטער לשון: **כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת** - יעדער אזרח - דאס מיינט א געזעצטער איינוואוינער - פון צווישן די אידן זאל זיך באזעצן אין סוכות (ויקרא כג:מב).

דאסווארט אזרח איז אן אינטערעסאנטער אויסדרוק צו ערקלערן ווער עס זענען די וועלכע דארפן זיך באזעצן אין א סוכה. קיין שום אנדערע מצוה ווערט נישט אזוי ערקלערט. מיר ווערן נישט באפוילן אז אן אזרח זאל אויפהייבן די ד' מינים אדער אז אן אזרח זאל אנטון תפילין אדער היטן שבת. נאר דא האט די תורה אויסגעוועלט צו ניצן אזא אומגעוועגליכע ווארט: "יעדער אזרח זאל מאכן די סוכה פאר זיין היים פאר זיבן טעג."

כדי צו פראבירן פארשטיין פארוואס די דאזיגע מצוה ווערט אויסגעדרוקט אין אזא אופן, דארפן מיר צוערשט דורכטון, וואס ווילן מיר דערגרייכן ווען מיר ציען זיך אריין אין די סוכה; פארוואס ווערט בכלל דער אזרח באפוילן מיט די דאזיגע מצוה?

### דער טעם איז קלאר

מיר דארפן נישט זוכן צו ווייט צו טרעפן דעם ענטפער ווייל ווען עס קומט צו די מצוה פון סוכה זאגט אונז די תורה גלייך דעם טעם: **כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת** - יעדער אזרח פון צווישן די אידן זאל וואוינען אין סוכות, **לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** - כדי אייערע דורות זאלן וויסן אז אידישע קינדער

האבן געוואוינט אין סוכות ווען איך האב זיי ארויסגעצויגן פון לאנד מצרים (ויקרא כג:מג). דאס איז א בפירוש'ער פסוק - מיר ווילן זיך דערמאנען פון די פערציג יאר וואס מיר האבן פארברענגט אין מדבר.

איז עס דען נישט א שאד אז מענטשן זוכן אין דעם ענין פון די סוכה בלויז די דרשות און שיינע ערקלערונגען? מען איז אינטערעסירט נאר אין הויכע געדאנקען, סודות און רמזים - אבער צו הערן עפעס מיט אביסל פלייש דערויף, עפעס וואס רעדט צו זיי אין זייער שטאפל אין לעבן, דאס טראכטן זיי איז צו פשוט פאר זייערע סאפיסטיקירטע קעפ. אבער דער אמת איז אז דרשות קענען זיין זייער גוט אבער אין מקרא יוצא מידי פשוטו, און דערפאר דארפן מיר צולייגן קאפ צו דער פשוט'ער באדייט פון די ווערטער: "איר זאלט וואוינען אין סוכות כדי איר זאלט וויסן אז איך האב געמאכט די אידישע קינדער וואוינען אין סוכות." די תורה זאגט נישט, "זיי האבן געוואוינט אין סוכות"; נאר הושבתי - "איך האב זיי געמאכט וואוינען אין סוכות!" דאס מיינט, "מיט א צוועק האב איך זיי ארייגעלייגט אין סוכות פאר פערציג יאר ווען איך האב זיי ארויסגענומען פון לאנד מצרים."

## פערציג יאר אונטערוועגנס

מיר זענען געוואוינט צו טראכטן לויט ווי אזוי מיר האבן געלערנט אין חומש ווען מיר זענען געווען קליינע קינדער, אז דער גאנצער עפיזאד פון דור המדבר איז געווען בלויז א שטראף צוליב די מרגלים; די שפיאנען האבן גערעדט לשון הרע אויף ארץ ישראל און די אידן האבן געוויינט און דערפאר איז כלל ישראל באשטראפט געווארן צו ארומוואנדערן אין מדבר פערציג יאר.

דאס איז טאקע ריכטיג, אבער דאס וואנדערן אין מדבר האט געטראגן מיט זיך נאך א ציל. ווייל אפילו אויב עס איז באשטימט געווארן אז כלל ישראל זאל דארפןווארטן פערציג יאר צו קענען ארייגייין קיין ארץ ישראל, האבן זיי דאך געקענט באזעצט ווערן אין עפעס א צייטווייליגער וואוינארט. דער באשעפער וואלט אונז געקענט אויפהאלטן אויף איין ארט וואו מיר וואלטן אויפגעשטעלט שטיינערנע הייזער. פאר פערציג יאר וואלטן מיר געקענט וואוינען אויף איין ארט פון וואו מ'קען זען דאס לאנד ארץ ישראל און באוויינען יעדן טאג די גרויסע עבירה וואס האלט אונז אפ פון ארייגייין אין דאס לאנד. דאס וואלט געווען א שטראף! פארוואס, אויב אזוי, האט דער באשעפער געמאכט מיר זאלן וואנדערן פון פלאץ צו פלאץ דורכאויס די אלע יארן און וואוינען אין צייטווייליגע שוואכע געצעלטן?

דער ענטפער איז אז דער באשעפער האט געהאט א פלאן וואס ער האט פאראויסגעזען פון אנהייב. און דער פלאן איז געווען אז עס האט געדארפט זיין א הקדמה, א צוגרייטונג, צו ארץ ישראל.

## ווערן גרייט פאר די לוקסוס

איך וועל דאס ערקלערן. דער באשעפער האט געוואוסט, אז ארץ ישראל גייט זיין א נייער סארט מציאות פאר דאס אידישע פאלק - א מציאות פון לוקסוס. ס'איז געווען א לאנד וואו עס פליסט מילך און האניג און אלע גוטע זאכן; א לאנד פון **ואכלת ושבעת**, פון עסן און זאט ווערן,

און אן ארט וואו **לֹא תֶחְסַר כֹּל בָּהּ**, עס וועט גארנישט פעלן. און מער פון אלעם, איז עס געווען א לאנד פון **בָּתִּים מְלֵאִים כָּל טוּב** - הייזער אנגעפילט מיט אלעס גוטס (דברים ו:יא). זיי גייען זיך אריינציען אין גרייטע הערליכע אויפגעשטעלטע הייזער אנגעפילט מיט אלעם גוטן.

**וּבָתִּים טוֹבִים תִּבְנֶה** - "איר וועט בויען הערליכע הייזער (שם ח:יב) ווען איר וועט אריינקומען אין דאס לאנד," זאגט דער באשעפער. דאס מיינט, אז זיי וועלן פראבירן צו מאכן זייערע הייזער נאך שענער פון ווי אזוי זיי וועלן עס טרעפן. דאס איז דער מענטשליכער נאטור - אפילו דער גרעסטער ארעמאן פראבירט צו מאכן שיין זיין הויז. און פארוואס זאל ער דען נישט? עס איז זיין פלאץ! און אזוי וועלן זיי ווערן פארנומען מיט "בויען הערליכע הייזער." **וישבת** - און דאן האבן זיי זיך אריינגעצויגן אין די שיינע הייזער. ס'איז געווען א חלום וואס איז פארווירקליכט געווארן נאך אזויפיל יארן פון וואנדערן און וואוינען אין געצעלטן. זיי האבן געלעבט א גוטער לעבן אין ארץ ישראל!

## דער באשעפער באגערט צו האבן פרייליכע אידן

און דאס איז וואס דער באשעפער האט געוואלט! ער האט געוואלט מיר זאלן זיין אין דאס לאנד כימי השמים על הארץ, אויף אייביג און אייביג, געניסענדיג פון זיינע מתנות. עס איז נישטא קיין גרעסערע הצלחה ווי דינען דעם באשעפער **בשמחה ובטוב לבב מרוב כל** - מיט גרויס פרייד צוליב די פיל גוטס וואס דער באשעפער טוט שענקען (דברים כח:מז). די גרעסטע דרגה פון עבודת ה' איז ווען דו לעבסט אין א שיינע הויז און דו האסט הנאה פון דיין לעבן און דו דינסט דעם באשעפער זיך געפינענדיג אין אט די גליק. ווי איך זאג שטענדיג, צו תשובה טון בשעת מ'עסט מעלאנע אדער אייזקרעם איז די בעסטע סארט תשובה. דער חובת הלבבות זאגט דאס.

און אזוי, ווען זיי וועלן אריינגיין קיין ארץ ישראל וועלן זיי באקומען די געלעגנהייט צו דערגרייכן מער ווי זיי וואלטן סיי וואו געקענט באקומען. צו לעבן אין שטארקע באפעסטיגטע הייזער אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן און צו ווערן אלץ מער און מער דאנקבאר צום באשעפער אין צענטער פון די לוקסוס, זיי וועלן זינגען צום באשעפער אלע זייערע טעג, אויסרופן צו אים מיט פרייד; דאס איז די העכסטע דרגה פון עבודת ה'.

דו וועסט פארגעסן פון באשעפער? דאס איז אוממעגליך! זיי האבן קיינמאל נישט פארגעסן פון באשעפער אין ארץ ישראל! אבער דאך, דו וועסט נישט טראכטן פון אים אלס דער וואס איז דער בעל הבית פון דאס הויז אין וועלכן דו וואוינסט. דו וועסט פארגעסן אז ער איז דער וואס האט עס דיר געגעבן. אודאי וועסטו דאווענען יעדן טאג. און דו וועסט ליינען קריאת שמע און דו וועסט דערמאנען יציאת מצרים. זיכער! אבער דו קענסט טון די אלע זאכן און דאך פארגעסן אז דו וואוינסט אין א צווייטן'ס הויז; אז דו ביסט בלויז א באזוכער וואס גייט פארביי אין די וועלט.

## דער גאר לאנגער קארידאר

אלזא, עס איז נישט קעגן די תורה צו בויען הייזער. עס איז אויך נישט קעגן די תורה צו

מאכן שיין די הייזער. אבער ס'איז קעגן די תורה צו פארגעסן אז עס איז בלויז צייטווייליג. בוי בתים טובים, יא! **וישבת**, און דו זאלסט וואוינען אין זיי, יא! אבער פיר נישט אויס דעם סוף פונעם פסוק, **ושכחת את השם**. פארגעס נישט אז דו ביסט בלויז א באזוכער וואס גייט פארביי די וועלט און פריער אדער שפעטער - האפנטליך שפעטער - וועסטו צוריקגיין צום באשעפער.

געוויסע מענטשן ווערן נערוועז ווען זיי הערן רעדן אזעלכע זאכן, אז מיר באזוכן בלויז צייטווייליג און מיר ווילן דארפן גיין פון דא. זיי זענען נישט אינטערעסירט דאס צו הערן. אבער דאס איז דער אמת - ס'איז פון די וויכטיגסטע זאכן וואס איר וועט אמאל הערן: **הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא** - די וועלט איז ווי א קארידאר, א דורכגאנג, וואס פירט דיר צום פאלאץ פון די קומענדיגע וועלט (אבות ד:טז). מיר שפאנען אצינד אדורך א קארידאר; דאס איז עס וואס די וועלט איז. ס'איז א לאנגער קארידאר און מיר ווילן עס זאל אנהאלטן די לענגסטע וואס מעגליך, אבער נאך אלעם איז עס בלויז א קארידאר.

## ציגל איז א סכנה

צו קענען קונה זיין אזא געדאנקען גאנג זאגט זיך גרינגער ווי טון! עס איז נישט לייכט צו וואוינען אין **בתים מלאים כל טוב**, אין פעסטע הייזער אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן, און גלייכצייטיג געדענקען אז עס איז בלויז צייטווייליג. ס'איז נישט גרינג צו לעבן אין א הויז געמאכט פון ציגל, וואס זעט אויס ווי עס וועט שטיין אויף אייביג, און דאך וויסן אז עס וועט נישט אזוי זיין.

און דערפאר, וויפיל דער באשעפער האט געוואלט געבן פאר די אידישע קינדער די געוואלדיגע געלעגנהייט אים צו דינען 'מיט פרייליכקייט דורך די שפע פון אלע גוטע זאכן וואס ער וועט שענקען', האט ער נישט געקענט פלוצלינג אריינשטעלן די מענטשן אין אזא נסיון אן א צוגרייטונג דערצו. כדי צו זיין אנגעגרייט פאר אן ערפאלגרייך לעבן אין אזא אופן, דארף מען צוערשט האבן א גרויסע הקדמה. און די הקדמה וועט זיין, **בסכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים** - פאר פערציג יאר וועט דאס אידישע פאלק וואוינען אין סוכות. איידער זיי קענען אריינקומען קיין ארץ ישראל און זיך אריינציען אין די הערליכע שטיינערנע הייזער וואס דער באשעפער האט צוגעגרייט פאר זיי, וועלן זיי מוזן פארברענגען פערציג יאר מיט לערנען מוסר. און דערפאר האט זיי דער באשעפער אריינגעזעצט אין געצעלטן פאר פערציג יאר - נישט נאר וואס זיי האבן געלערנט די מוסר, זיי האבן עס באלעבט.

## ווער וועט ארבעטען אומזיסט?

פאר פערציג יאר האבן די אידן געהאט פארקערט ווי אין ארץ ישראל! זיי האבן נישט פארמאגט קיין "היימען אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן" - זיי האבן אינגאנצן נישט געהאט קיין היימען! זיי זענען געזעסן אונטער דעכער געמאכט פון סחורה - אפשר צווייגן אדער העלצער - וואס האט זיי נישט געקענט צופיל באשיצן. די ווענט זענען אויך געווען היבש וואקלדיג - זיי זענען זיכער נישט געווען קיין ווענט פון ציגל. ווער וועט דען אומזיסט ארבעטן צו בויען שטיינערנע הייזער אויב אין די קומענדיגע מינוט וועט מען זיך אפשר דארפן צוזאמפאקן און ווייטער ציען?

אזוי האבן זיי געלעבט - יעדן טאג האבן זיי געדארפט זיין אויף דער וואך, אפשר וועלן זיי הערן דאס קול פון די טרומפייטערס וואס וועט זיי מעלדן אז זיי דארפן צוזאמציען די שטריקן פון זייערע געצעלטן און אנהייבן ציען ווייטער אין וועג. זיי האבן קיינמאל נישט געקענט זיין פארזיכערט אין מדבר אז זיי וועלן בלייבן אויף איין ארט מער ווי א טאג. ריכטיג, אין געוויסע פלעצער זענען זיי פארבליבן אויף פיל טעג אבער יעדן טאג זענען זיי געווען גרייט, יעדע מינוט קען דער טרומפייטער בלאזן און אויסרופן, ״מען דארף ווייטער ציען!״

געוויינליך פילט זיך נישט א מענטש רואיג און פארזיכערט אין אזא מצב. שטעל זיך פאר, דו ציסט זיך אריין אין א נייע היים אבער דו ווייסט אז יעדער מינוט קען מען דיר הייסן ארויסגיין, דו און דיין פאמיליע, און קיינמאל מער נישט צוריקקומען. דו וואלטסט גארנישט געטון אין די הויז! דו וואלטסט נישט פראבירט צו פאררעכטן זאכן, גארנישט. יעדע מינוט קענסטו דאך באקומען א מעלדונג זיך ארויסצוציען! אפילו אויב דו וואלטסט למעשה געוואוינט דארט פופציג יאר, וואלטסטו קיינמאל נישט געהאט א מינוט פון מנוחה, פון שפירן א קביעות.

## דער פערציג יעריגער מוסר סדר

און דאס איז געווען דעם באשעפער׳ס פלאן פון אנהייב; דאס אידישע פאלק זאל אריבערגיין פערציג יאר פון טרענירונג, זיך צו צוגרייטן צום טאג ווען זיי וועלן ענדליך אריינקומען קיין ארץ ישראל. די פערציג יאר פון וואוינען אין סוכות איז געווען מיט א ציל פון לערנען וואס עולם הזה איז באמת. זיי האבן זיך אויפגעוועקט יעדן טאג צו די וואקלדיגע ווענט וואס ווערן געבלאזן פון יעדן ווינט און זענען איינגעשלאפן יעדע נאכט קוקנדיג אויף דעם שוואכן דאך וואס איז צוזאמגעשטעלט פון א כמעט גארנישט. און זיי זענען נאכאנאנד דערמאנט געווארן אז די וועלט איז א פארביי פליענדע וועלט. עס איז געווען א פערציג יעריגע איבערלעבעניש פון פארשטיין אז די וועלט איז בלויז צייטווייליג, נאר א דורכגאנג.

אזוי, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין די געמויערטע שטעט און שטיינערנע הייזער פון ארץ ישראל זענען זיי געווען גרייט! זיי האבן געזאגט, ״מיר וועלן האבן הייזער אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן אבער מיר וועלן שטיין אויף דער וואך זיך נישט צו לאזן פארנארן. מיר זענען גרייט פאר דעם נסיון.״ און זיי האבן זיך אריינגעצויגן אין די גרויסע הערליכע שטיינערנע הייזער מיט הכנעה: ״אההה,״ האבן זיי געזאגט, ״**ברוך אתה ה׳**. ס׳איז נישט אונזערס. דו גיבסט מיר עס פאר זיבעציג יאר, אפשר הונדערט יאר, אבער דערנאך וועל איך פארלאזן אט די פארביי פליענדע וועלט און קומען צו די אמת׳ע וועלט.״

# חלק ב. א וואך אין די סוכה

## וויאזוי וועט עס אנהאלטן?

אבער ווי לאנג קען אנהאלטן אזא געדאנקען גאנג? צען יאר? אפשר פופציג יאר? נאך אלעם טוט די געוואוינהייט איבערוועלטיגן, בפרט ווען עס גייט אזוי אריבער צו דורות; און דערפאר

קען דער צוגאנג צו די וועלט זיכער נישט אנהאלטן פון זיך אליין פאר הונדערט יאר. אבער דער באשעפער וויל מ'זאל לעבן מיט די השקפה פאר טויזנטער יארן! **לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם... כִּימֵי הַשָּׁמַיִם עַל הָאָרֶץ** - איר זאלט זיין אין דאס לאנד, ווי די הימלען זענען איבער'ן לאנד - אויף אייביג (דברים יא:כא). "איך וויל דאס זאל אנהאלטן אויף אייביג!"

און דערפאר, כדי צו דערמאנען די אידישע קינדער פון דער מוסר השכל וואס זיי האבן געלערנט אין מדבר, האט דער באשעפער געגעבן די מצוה פון סוכה. יעדן יאר סוכות האט זיך דאס גאנצע פאלק ארויסגעצויגן פון זייערע הערליכע היימען וואס זיי האבן אנגעטראפן ווען זיי האבן זיך באזעצט אין דאס לאנד און זענען אריין אין א סוכה, א וואקלדיגער ענגער בנין, פאר זיבן טעג.

זיי זענען דארט געזעסן און געשלאפן און געגעסן און דורכאויס די גאנצע צייט האבן זיי זיך דערמאנט, **כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** - דער באשעפער האט אונז אויפגעהאלטן אין געצעלטן פאר פערציג יאר אין מדבר. "אהה! אזוי האט אונז דער באשעפער ארייגעזעצט אין מדבר פאר פערציג יאר! און דאס אלעס איז געווען מיט'ן ציל אונז צו לערנען אז נישט קיין חילוק ווי גרויס אונזערע הייזער זענען און נישט קיין חילוק וויפיל יארן מיר זענען באזעצט אין אונזער לאנד, טארן מיר קיינמאל נישט פארגעסן די לערע אז מיר זענען בלויז באזיכער אויף די וועלט."

## דער וואונדער ווערט פארענטפערט

און דאס איז דער ענטפער צו די שאלה וואס מיר האבן געפרעגט ביים אנהייב פון דעם שיעור: וואס מיינט דאס '**כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת**', אז יעדער באזעצטער בירגער זאל זיצן אין די סוכה פאר זיבן טעג? וואס באדייט דער אינטערעסאנטער אויסדרוק, אזרח?

אלזא, אויב קענט איר אביסל לשון הקודש, וועט איר פארשטיין אז אזרח מיינט א באזעצטער בירגער. זאגט אונז דער פסוק, "איר באזעצטע בירגער, איר וויכטיגע מענטשן וואס שפירן זיך אזוי פארזיכערט אין אייער לעבן, איר מוזט מוותר זיין אויף אייערע היימען און זיך אריינציען אין סוכות פאר זיבן טעג."

די תורה טוט דא באטאנען אויף דעם ציל פון די מצוה - אפילו דער באזעצטער אזרח, וואס וואוינט אין א מייעסטעטישע וואוינונג, מוז זיך ארויסציען פון זיין באפעסטיגטע היים און וואוינען אין א וואקלדיגע סוכה פאר זיבן טעג.

למעשה, אזוי שפירן מיר אלע; מיר שפירן ווי די וועלט איז אונזער פלאץ. דערפאר, נישט קיין חילוק ווי א גרויסע אדער קליינע היים דו פארמאגסט, נישט קיין חילוק ווי שטארק און פארזיכערט דיין היים איז, מוזטו זיך ארויסציען פון דיין היים און אריינשפאנען מיט הכנעה אין דיין סוכה און זאגן, "איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן אז איך בין בלויז א צייטווייליגער באזוכער דא און איך בין נישט אזוי וויכטיג ווי איך האב זיך פארגעשטעלט."

## קויף די ביליגערע סוכה

דערפאר זענען איינע פון די יסודות'דיגע הלכות ביים בויען א סוכה, אז עס מוז געבויעט

ווערן אין אזא אופן ווי א צייטווייליגע וואוינונג. אויב איז עס מער ווי צוואנציג אמות איז עס נישט כשר ווייל אזא הייעך פאדערט שטאנדהאפטיגע ווענט. און די תורה וויל נישט קיין שטאנדהאפטיגקייט - עס דארף זיין א דירת ארעי, עפעס וואס איז גענוג קליין וואס קען געמאכט ווערן מיט א וואקלדיגער צוזאמשטעל און אזוי שטיין. ס'מיינט נישט צו זאגן אז מ'איז ערלויבט זיך גרינגער צו מאכן און זיך צו אן עצה געבן מיט א ביליגערע סוכה; נאר עס איז גאר א פאדערונג אז די סוכה זאל זיין א וואקלדיגער און צייטווייליגער געבוי.

און אין אט די וואקלדיגע כאטקע מוז דער אזרח - דאס זענען מיר אלע וואס שפירן זיך אזוי פארזיכערט אויף די וועלט - זיך אריבערציען. ווייל דאס איז דער לימוד וואס מיר דארפן זיך לערנען - לעבנדיג אין אזא וואוינונג ברענגט אונז צו הכנעה דורך אונז אויסרייסן פון די וועלט. אזוי איז עס; מיר קענען זיך נישט שפירן צו באזעצט אויף די וועלט ווען מיר געפינען זיך אין א קליינע כאטקע צאמגעשטעלט פון כמעט גארנישט.

## א געדענק צייכן

איר פארשטייט, ווען מען לעבט אין א שטיינערנער הויז מיט פעסטע ווענט און א שטאנדהאפטיגער דאך איז נישט אזוי גרינג צו געדענקען אז מיר זענען בלויז באזיכער וואס גייען פארביי אין די וועלט. אדרבה, קוקט זיך ארום - ווער מיינט נישט אז ער געפינט זיך אויף די וועלט פאר די קומענדיגע צען טויזנט יאר? יעדער שטעלט זיך אזוי פאר!

אזוי ווי דער מענטש וואס האט זיך אריינגעצויגן אין מיין שכינות יארן צוריק; איך געדענק אים גוט ווייל בשעת איך בין ארויס צום שול יעדן שבת אינדערפרי האב איך אים געזען אינדרויסן אין זיין גארטן בעארבעטנדיג זיינע ביימעלעך. אמאל האט דער מענטש באשלאסן צו בויען א מעטאלענער צוים ארום זיין הויף; א טייערער אויסגעארבעטער אייזערנער צוים. און אינדערמיט פונעם צוים איז געווען א גרויסער אייזערנער רינדעכיגער בלעכל - ווי א שילד - ארויפגעשמעלצט דערויף זיין נאמען ראשי תיבות, א "פ" פון א טייערער מעטאל. אזא צוים קען שטיין פאר טויזנט יאר!

אבער, נישט צו לאנג דערויף, איין נאכט, האבן מיר געהערט קולות פון אינדרויסן. זיין זון איז ארויסגעלאפן פון הויז, אראפלויפנדיג די גאס, שרייענדיג, "אקסיזשען!" ער איז געלאפן ארום די גאס צו די פייער סטאנציע און איז צוריקגעקומען מיט א קליינער זויער-שטאף טאנק. אבער עס איז געווען צו שפעט; זיין טאטע האט שוין געענדיגט מיט די וועלט.

שפעטער האט זיך די משפחה אוועקגעצויגן און א צווייטער האט אפגעקויפט זייער הויז. דער טונקל הויטיגער מענטש וואס וואוינט יעצט דארט האט א גרויסער 'פ' אויפ'ן צוים פארנט פון זיין הויז! עס איז נישט זיין ראשי תיבות, אבער עס איז נאך אלץ דארט מיט א שווערן מעטאל, אלס געדענק צייכן נאך דער מענטש וואס האט געמיינט אז ער וועט דא פארבלייבן אויף אייביג.

## מיר זענען נישט צופיל בעסער

און דער אמת איז, אז מיר, פרומע אידן, זענען נישט צופיל בעסער; מיר מיינען אז דא איז אונזער פלאץ. דערפאר אינוועסטירן מענטשן אזויפיל אין זייערע הייזער - זיי לייגן אריין

אלע סארטן לוקסוס מיט טייערע טאפעטן וואס קענען האלטן אויף שטענדיג. ׳מיר וועלן דא פארבלייבן אויף אייביג!׳ שרייט זיך ארויס פון דאס אלעס. אודאי, אויב וועט איר איינעם אראפזעצן און רעדן צו אים וועט איר זען אז ער ווייסט אלעס פון דעם אז די וועלט איז בלויז א קארידאר צום פאלאץ פון די קומענדיגע וועלט; ער וועט דיר זאגן אז **הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא**, אבער עס איז נישט גרינג צו לעבן מיט דעם געדאנקען גאנג ווען דער קארידאר איז געבויעט פון שטיינערנע הייזער. דיין אייגענע היים איז א גרויסער נסיון!

## די גרעסטע געפאר

אויב דו פארמאגסט א שיינע דירה אדער אפילו דיין אייגענע הויז אויף א שיינע רואיגע גאס - אפשר האסטו אויך א גארטן - דאן דארפסטו האבן א ספעציעלע ווארענונג. די תורה זאגט, ״געב אכטונג, ווייל ס׳איז דא א גרויסע מעגליכקייט אז דו וועסט ווערן איבערגענומען מיט ליבע צו דיין שיינער שטיקל ערד.״ דו שפאצירסט ארויס אינדערפרי רייכערנדיג דיין פיפקע און דו דרייסט אויס דיין קאפ צו באטראכטן דיין גארטן און דו זעסט דיינע בלומען און דיינעביימעלעך און דו זעסט די גאס איז שטיל און ריין און דו פילסט ווי אלעס איז דיינס און דו וועסט דא לעבן פאר די קומענדיגע צען טויזנט יאר; דאס מיינט אז עס הערשט א גרויסע געפאר אז דו וועסט פארגעסן אז דו האסט א בעל הבית. עס איז נישטא וואס זאל דיר דערמאנען אז דו וועסט זיך נישט געפינען דא פאר צו לאנג.

און היינט צוטאגס געפינען מיר זיך אין א גרעסערע סכנה ווי אין די פריערדיגע דורות, ווייל אפגעזען פון וואספארא סארט דירה דו פארמאגסט, לעבסטו אין א מער קביעות׳דיגע וואוינונג ווי אונזערע אור-עלטערן האבן געלעבט סיי ווען פריער. עס איז נישטא קיין ספק אז די באקוועמליכקייטן אויף די וועלט שטעלן אונז פאר א גרויסע געפאר; זיי פיטערן אונז מיט א געפיל פון ׳די וועלט איז די זאך!׳ און דערפאר, כדי דער עם ה׳ זאל מצליח זיין קיינמאל נישט צו פארגעסן דעם וויכטיגן יסוד אז די וועלט איז בלויז ווי א דורכרייזנדער שיף אין מיטן נאכט, פאדערט זיי א ספעציעלער באפעל. אויב באקומען מיר נישט דעם ספעציעלן באפעל, אויב הארכן מיר נישט צו דעם באפעל, הערשט א גרויסע סכנה צו אפלעבן אלע טעג אויף די וועלט מיינענדיג אז די וועלט פארבלייבט אויף אייביג - אז די וועלט איז אונזער ציל.

## א גאנץ יאר סוכות

דערפאר האבן מיר באקומען די מצוה פון זיך אריינציען אין א סוכה. אויך היינט צוטאגס ציען מיר זיך אריין אין א צייטווייליגע וואוינונג ווייל מיר דארפן דאס ניצן אלס א גלענצנדע געלעגנהייט איינמאל א יאר זיך צו דערמאנען פון די וואקלדיגע וואוינונגען אין מדבר. פאר זיבן טעג מאכן מיר נאך דעם דור המדבר, און מיר פראבירן צו אפלערנען די זעלבע לערע וואס האט זיי אנגעגרייט, פאר׳ן זיך אריינציען אין אמת׳ע הייזער.

אודאי איז דאס נישט בלויז אויף סוכות; א גאנץ יאר איז וויכטיג זיך דאס צו דערמאנען. עס וועט גארנישט געשען אויב דו וועסט ארויסשפאצירן פון דיין היים אמאל אמאל און טראכטן פון דאס וואס מיר רעדן יעצט. דו קענסט עס שוין אויספראבירן אפילו היינט. איידער דו קומסט אהיים, שטעל זיך אפ אינדרויסן אויפ׳ן גאס, כאפ א בליק אויף דיין הויז און טראכט, ״דאס

הויז איז בלויז צייטווייליג מיינס. אפילו אויב איך האב אן אייגנטומערשאפט דאקומענט און איך האב שוין אויסגעצאלט מיין מארטגעדזש, מאכט נישט אויס. איך בין נאר א צייטווייליגער איינוואוינער אויף די וועלט.״

און כאטש דאס איז עפעס וואס מ׳קען פראקטיצירן סיי ווען דורכאויס די יאר, זענען די טעג פון סוכות ספעציעל געאייגנט זיך צו איינ׳חזר׳ן דעם יסוד פון **הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לִפְרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא**, אז די וועלט איז נאר א קארידאר צו די קומענדיגע וועלט; מיר גייען נאר פארביי א פארצימער אויף די וועלט, אויפ׳ן וועג צו אנקומען צום פאלאץ פון די קומענדיגע וועלט.

## נישטא קיין פריוואטקייט, נישטא קיין באשיצונג

דאס איז וואס די מצוה פון סוכה לערנט אונז: **צא מדירת קבע ושב בדירת ארעי** - פארלאזן דיין קביעות׳דיגע היים און גיי אריין אין א צייטווייליגע וואוינונג (סוכה ב.). און אזוי ציען מיר זיך ארויס פון אונזערע רייכע הייזער צו א פלאץ וואו ס׳איז כמעט גארנישט דא; אפאר האלצערנע ווענט, א וואקלדיגער דאך, מיט אפאר פאפירענע באצירונגען וואס הענגען פונעם דאך. און אפילו אויב דו וועסט אויסגעבן אביסל געלט עס צו באשיינען, קומט עס נאך אלץ נישט צו צו דיין היים. דיין טייערער לוסטער און עלעגאנטער סאלאן טיש זענען נישטא ווייל דו געפינסט זיך דא בלויז פאר א קורצע צייט.

דערפאר איז א סוכה כשר מיט בלויז צוויי ווענט און א טפח. צוויי ווענט און א וואקלדיגער דאך?! דאס איז זייער א שוואכע באשיצונג קעגן פארשידענע אומשטענדן. די באמבו שטעקענעס וועלן דיר נישט האלטן טרוקן ווען עס נעמט זיך רעגענען און אויב א קאלטער ווינט בלאזט אריין אין די סוכה וועט מען דארפן זיצן דארט מיט א מאנטל. און אפילו ווען ס׳איז נישט קאלט און רעגנדיג, אבער פארבייגייענדע מענטשן וועלן דיר נישט לאזן בלייבן מיט צופיל פריוואטקייט דארט - די שכנים הערן אלעס וואס דו רעדסט. אינדערהיים אויב דו ווילסט שרייען אן צו ווערן פארשעמט קענסטו כאטש פארמאכן די פענסטערס. אבער אין סוכה? קענסט זיך נישט פירן ווי אן אזרח, ווי א קביעות׳דיגער בירגער, ווען דו געפינסט זיך אין אן ארט וואס האט בלויז צוויי ווענט און א טפח. דו קענסט נישט ערווארטן צופיל פריוואטקייט און באשיצונג ווען דו וואוינסט סוכות אין דיין ׳**היים**׳.

און פונקט דאס איז וואס מיר ווילן! מיר ווילן זיך דערמאנענן אז נאך אלעם זענען מיר נישט אזוי באזעצט אויף די וועלט און דערפאר ציען מיר זיך אריבער אויף זיבן טעג אין א דירת ארעי; מיר זעצן זיך אריין אין א וואקלדיגע סוכה און מיר האמערן אריין אין אונזערע קעפ אז מיר זענען נישט אזוי באזעצט ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט.

# חלק ג. לעבנסלעגליך אין די סוכה

## א באזוכער׳ס אינטערעסע

אצינד קומען מיר צום ענין פון ׳וואס איז דער רעזולטאט פון די אלע ידיעות?׳ וואס איז

ערווארטעט צו זיין דער רעזולטאט פון לעבן אין די סוכה און פון וויסן אז דא איז א פארבייפליענדע וועלט; אז מיר זענען בלויז באזיכער וואס מאכן א צייטווייליגער אפשטעל.

דער רעזולטאט דארף זיין אז מיר זאלן זיך פירן ווי באזיכער! וואס טוט א באזוכער? לאמיר זאגן א סוחר קומט צו כינע. ער קומט נישט אהין זיך אויסצומישן מיט די כינעזער אדער צו עסן כינעזישע עסן. ער גייט נישט ווערן פארנומען מיט בויען א שטיינערנע הויז און איינפלאנצן גארטנס. אפשר וועט ער דאס טון, אבער נאר אויב עס וועט אים העלפן צו אויספירן זיין ציל. ווייל ער ווייסט אז ער איז דארט בלויז פאר איין צוועק - צו ארויסנעמען פון כינע וואס מער געלט ער קען! דורכאויס זיין באזוך דארט איז דאס זיין איינציגסטע אינטערעסע.

## דער קעניג פון א זינקענדע שיף

דער חובת הלבבות ברענגט א משל. עס ווערט דארט דערציילט א מעשה פון א מענטש וואס איז געפארן אין א שיף און דער שיף איז איינגעזונקען אין ים. דער מענטש איז געשוואומען צום בארטן פון א נאנטן אינזל, ווען צו זיין וואונדער האט ער געזען א גאנצע דעלעגאציע פון מענטש שטייט דארט אים אפצואווארטן. באלד ווי ער האט ארויפגעטראטן אויף די טרוקעניש, זענען די מענטשן אים אנטקעגן געקומען און באקליידט מיט קעניגליכע בגדים און ארויפגעלייגט א קרוין אויף זיין קאפ. דערנאך האבן זיך אלע געבוקט פאר אים און געפירט מיט גרויס כבוד צו א פאלאץ וואס איז געשטאנען אינמיטן פונעם אינזל און ארויפגעזעצט אויף א הערליכן טראן.

דער מענטש האט נישט געפרעגט קיין שאלות. ער איז געווען אזוי איבערראשט, אזוי שאקירט - ער האט נישט געוואוסט וואס קומט דא פאר אבער ער האט געווארט אויף די צייט און פלאנירט א וועג צו אויסגעפינען וואס דאס באדייט. נאך עטליכע טעג האט ער אנגעהויבן זיך ארומקוקן אויף די ארומיגע מענטשן אין פאלאץ. ער האט געוואלט טרעפן איינעם מיט ועמען צו רעדן, וואס ער קען אים געטרויען ער זאל זיין גרייט צו ערקלערן וואס קומט דא פאר.

ער האט זיך ארומגעקוקט און געזען איין מענטש וועלכער האט אויסגעזען צו זיין מער פארשטענדליך ווי אנדערע; ער האט אויסגעזען צו זיין א זייער לאגישער מענטש. אלזא, האט דער נייער קעניג געמאכט זיכער אים צו ווינקען און ארויסווייזן ספעציעלע רמזים - ער האט אים געגעבן עטליכע מתנות און אפאר אויסצייכענונגען און זיך געפירט זייער פריינטליך צו אים.

## טערמין באגרעניצונגען: דער פארצייטישער גאנג

און דאן איין טאג האט ער גענומען דעם מענטש אין א זייט, ווען קיינער איז נישט געווען אנוועזנד, און גערעדט צו אים, "זאג מיר מיין פריינד, וואס איז דער באדייט פון דאס אלעס? וואס גייט דא פאר אז די מענטשן האבן גענומען א פרעמדער מענטש ווי מיר און ארויפגעזעצט אויפ'ן טראן?"

האט דער מענטש געענטפער, "עס איז א סוד אבער ווייל דו האסט מיר ארויסגעוויזן פריינטשאפט וועל איך עס אנטפלעקן פאר דיר. יעדן יאר ווענן מיר אויס א נייעם קעניג איבער אונזער אינזל. ווען דער סעזאן פון שטורעמס הייבט זיך אן פאסירט אלעמאל אז שיפן

שטויסן זיך אריין אין די שטיינער נעבן דעם אינזל און ברעכן איין. דאן נעמען מיר דעם ערשטן איבערלעבער וואס קומט אן צום בארטן און מיר מאכן אים פאר קעניג. דאס איז אונזער גאנג פון פירן דאס לאנד ווייל מיר ווילן נישט אז קיין שום קעניג זאל דא פארבלייבן צו לאנג - מיר ווילן נישט אז אונזער קעניג זאל דא ווערן צו באקוועם. און דאן, ביים סוף פונעם יאר פירן מיר אראפ דעם קעניג פון טראן - מיר געבן אים נישט קיין שום ווארענונג; מיר שלעפן אים אראפ פונעם טראן, רייסן אראפ זיינע קעניגליכע מלבושים און לייגן אים אריין נאקעט אין א שיפל, א קליין קעסטעלע, און מיר שטופן אים אריין צוריק אין ים.״

## זיך איינגעלאזט אין די ביזנעס

אלזא, וואס איז ארויסגעקומען פון הערן די אינפארמאציע? ווען דער נייער קעניג האט דאס געהערט, האט ער נישט פארפאטשקעט קיין רגע. ער האט זיך איינגעלאזט אין עקספארטירונגס ביזנעס. ער איז געווארן פארנומען צו ארויספירן פון דארט וואס מער גאלד, זילבער און דיאמאנטן, וויפיל ער האט געקענט. ער האט גארנישט געוואלט איבערלאזן דארט; ער האט געוואוסט אז פריער אדער שפעטער וועט ער אנקומען צוריק אהיים און וואס ער וועט האבן אפגעשיקט דורכאויס די יאר, מיט דעם וועט ער פארבלייבן אויף ווייטער. און אזוי איז ער געווען פארנומען צו ארויסשיקן פארמעגנס דורך געהיימע שלוחים און זיך געגרייט אויף דעם טאג וואס ער האט געוואוסט אז עס וועט ענדע אנקומען.

און געקומען איז דער טאג. איין טאג, אן קיין ווארט פון ווארענונג, זענען די אינזל איינוואוינער געקומען אריינשטורעמען אין פאלאץ און זיי האבן אים אראפגעשלעפט פונעם טראן און אפגעפירט צום בארטן; זיי האבן אים אויפגעהויבן אויף אלע פיר און אריינגעשטעלט אין א האלצערנע שיף און עס געגעבן א שטארקן שטופ אריין אין ים. און ער האט אנגעהויבן שיפלען פאר זיין לעבן! אבער ער האט געשיפלט פרייליכערהייט - ער האט געוואוסט וואו ער דארף אנקומען. ער איז ארויס מיט גארנישט אבער ער איז געווען גוט צוגעגרייט.

## פונקטליך וואס, זענען שוין בלויז די פרטים

אלזא, לערנען מיר פון דעם וואס עס איז אונזער אויפגאבע אויף די וועלט - מיר דארפן זיך אריינלאזן אין עקספארטירונגס ביזנעס! מיר געפינען זיך דא צו ארויסנעמען וואס מער מיר קענען.

למעשה, וואס צו עקספארטירן, איז דא פיל צו רעדן דערפון - אבער דער ערשטער שריט איז צו וויסן אז דו ביסט אין די עקספארטירונגס ביזנעס און צו לעבן מיט אט די ידיעה; דאס אליין איז שוין זייער א ווערדפולע שטיקל אינפארמאציע. איינמאל דו גלייבסט דערין באמת, אפשר דורך נעמען דעם מוסר השכל פון די סוכה ווי עס דארף צו זיין - דאן ביסטו שוין אויפ׳ן וועג; פונקטליך וואס צו עקספארטירן זענען שוין בלויז די פרטים.

עס איז דא אזויפיל וואס צו עקספארטירן; מצוות זענען זיכער אוצרות וואס דו קענסט מיטנעמען מיט דיר. מחשבות פון באשעפער, דאס איז פארשטייט זיך אויך עפעס וואס וועט דיר אפווארטן אין קומענדיגן וועלט. תורה ומעשים טובים, דאס איז ריינע מזומן וואס דו זאלסט

שטענדיג ארויספירן פון די וועלט. אדער צדקה וואס דו געבסט. אויב דו געבסט צדקה, ליגט עס אין דיין טאש און דו ווייסט עס מיטנעמען מיט דיר אויף אייביג.

## ׳אלעס פאר דעם אויבערשטן׳

איך האב געקענט א מר. הערמאן ז״ל, וואס האט געוואוינט אין די איסטסייד. ער איז געווען פון די געציילטע ערליכע פרומע אידן אין די פריערדיגע צייטן אין אמעריקע; בלב ובנפש איז ער געווען געטריי צום באשעפער. ער האט מיר אמאל געזאגט אז אין די תקופה פון די עקאנאמישע גרויסע דעפרעסיע אין אמעריקע ווען ער האט געזען אז זיין ביזנעס גייט אט אונטער און ער פארלירט זיין געלט, האט ער גלייך גענומען טויזנט דאללער - אין יענע טעג איז טויזנט דאללער געווען פאררעכנט ווי א שיין פארמעגן - און ער האט עס אויפ׳ן ארט אוועקגעגעבן פאר צדקה. ער האט געזאגט, ״פארוואס זאל איך דאס אויך פארלירן? פארוואס זאל איך דערלייגן מיין געלעגנהייט צו עקספארטירן נאך סחורה צו יענע וועלט?״ ער איז געווען א קלוגער סוחר, מר. הערמאן, און ער האט געשווינד עקספארטירט נאך א טראנספארט ארויס פון די וועלט.

אלזא, וואס צו טון פאר די וועלט ווילאנג דו געפינסט זיך נאך דא - גיי איך נישט יעצט זאגן וואס מ׳זאל יא אדער נישט טון. צי זאלסטו שיין מאכן דיין היים? צי זאלסטו פראבירן מאכן געלט? דער סוחר אין כינע דארף אויך שלאפן ערגעץ! ער קען נישט שלאפן אויפ׳ן גאס. ער דארף גוט עסן און היטן זיין געזונט, אויב ער וויל מצליח זיין. און אז ער וועט זיך דארט אויפהאלטן עטליכע יאר וועט ער האבן זיין משפחה מיט זיך און וועט דארפן צושטעלן אויך זייערע געברויכן. און דאס אלעס קאסט געלט. מען דארף דאך לעבן נארמאל. אבער מען מוז אלעמאל האלטן אין געדאנק דעם גרויסן יסוד אז אלעס איז א טייל פון די עקספארטירונגס ביזנעס. פארגעס נישט קיינמאל פון דעם פאקט אז דו ביסט דא בלויז א באזוכער.

## דער חפץ חיים באזוכט ראדין

די פאלגנדע מעשה האב איך שוין דערציילט אין מיינע פריערדיגע שיעורים אבער איך וועל עס נאכאמאל איבער׳חזר׳ן. א באזוכער פון אמעריקע איז געקומען צום **חפץ חיים זצ״ל** אין זיין היים אין ראדין. ווען ער איז אריינגעקומען צו אים האט ער געזען דעם חפץ חיים זיצן אין א קליין שטיבל. עס זענען נישט געווען דארט קיין שום מעבל אויסער א טיש און א באנק צוזאמגעקלאפט פון אפאר ברעטער. האט דער מענטש געטראכט אז אפשר האלט מען אינמיטן איבערבויען די דירה אינעווייניג, אין די עכטע הויז, און אויף דערווייל איז דער חפץ חיים ארויסגעשיקט געווארן צו דעם ליידיגן צימער מיט צייטווייליגע מעבל אויף ביז מען גרייט צו דאס הויז פאר אים.

האט ער געפרעגט, ״רבי, וואו איז אייער מעבל?״

האט דער חפץ חיים צוריקגעפרעגט דעם באזוכער, ״און וואו איז דיין מעבל?״

האט ער געענטפערט, ״איך בין דא בלויז א טוריסט - איך בין נאר א באזוכער דא.״

האט דער חפץ חיים געזאגט, ״ איך אויך.״

אזוי האבן די גרויסע לייט געלעבט אויף די וועלט - זיי האבן געלעבט מיט דעם געוויסן אז די וועלט איז נאר א צייטווייליגער פלאץ. אודאי, זיי האבן געלעבט אויף די וועלט. זיי האבן חתונה געהאט און אויפגעשטעלט פאמיליעס און געוואוינט אין הייזער און געמאכט פרנסה און געטון אלעס וואס זיי האבן געדארפט אויף די וועלט; אבער זיי האבן פארשטאנען וואס דאס אלעס באדייט.

## דעם באן זאלסטו נישט פארפאסן

שטעל זיך פאר דו שטייסט אין א באן סטאנציע, דוווארטסט אויף דעם באן און דערוויל האסטו א געלעגנהייט צו מאכן דארט עפעס געשעפטן. דו קענסט קויפן פון איין מענטש און פארקויפן פאר א צווייטן וואס געפינט זיך ביי די סטאנציע. פארוואס נישט? נישטא קיין סיבה פארוואס נישט. אבער דו דארפסט געדענקען אז באלד וועסטו הערן א פייף און דער קאנדאנקטער וועט אויסשרייען, "אויפשטייגן!" און דו וועסט נישט האבן א ברירה; דו וועסט דארפן אויפשטייגן.

אויב דו וועסט דאס האלטן אין געדאנק אז דער באן, די ענדע פון דיין לעבן, וועט אנקומען פריער אדער שפעטער, דאן איז נישטא קיין סיבה פארוואס דו זאלסט נישט טארן פירן געשעפטן און האבן א שיינע הויז. אויב וועסטו זיך קענען מיטכאפן מיט א גרויסע סומע 'געלט' וואס דו וועסט קענען איינקאסירן ווען דו קומסט אן צו דיין ציל, דאן האסטו אויפגעטון!

איז אויב דו קויפסט א הערליכע הויז מיט א גרויסער גארטן ארום, גוט, איך זאג נישט אז דו טארסט נישט אינוועסטירן אין אויסצירן דיין וואוינונג. פארוואס נישט? אויב דו האסט ליב פעלד ארבעט, פלאנצונגען, פארוואס נישט? אויב דו קענסט אליין פארבן די ווענט אדער דינגען מענטשן וואס זאלן אויסצירן דיין הויז, פארוואס נישט? אדער אפשר פארוואס יא? דו וועסט דאס דארפן דורכטראכטן. אבער סיי וואס דו באשליסט, קומט עס מיט א תנאי אז דו זאלסט אלעמאל האלטן פאר די אויגן אז מיר וואוינען דא נאר אויף דירה געלט. אפילו אויב דו האסט אן אייגנטומערס דאקומענט און עס איז רעגיסטרירט ביי די שטאטראט אויף דיין נאמען, און דו פארבסט דיין הויז און בעארבעטסט דיין גארטן, טארסטו קיינמאל נישט פארגעסן אז דו וואוינסט דא אין א דירה וואס געהער צו א בעל הבית.

דאס איז דער געוואלדיגער מוסר השכל פון די סוכה. עס דערמאנט דיר, נישט צו ווערן פארשלעפט אין א קביעות אויף די וועלט. די סוכה שרייט אויס צו דיר: געדענק שטענדיג אז **העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא** - די וועלט איז בלויז א פארצימער וואס פירט דיר אריין אין פאלאץ פון די קומענדיגע וועלט, און דערפאר, **התקן עצמך בפרוזדור** - גרייט זיך צו אין דעם פארצימער, **כדי שתיכנס לטרקלין** - דו זאלסט קענען אריינגיין אין פאלאץ. דאס איז עולם הבא! דאס איז צו וואס מיר צילן און דערפאר ווילן מיר זיך נישט לאזן פארשלעפט ווערן דורך די קביעות אויף די וועלט וואס רופט אונז נאכאנאנד צו זיך.

## דו ביסט געלאדענט נאך 120

שטעל זיך פאר א מענטש וואס איז אזוי מזל'דיג צו ווערן געלאדנט צו א סעודה, צו א

פייערונג וואס דער קעניג מאכט אין זיין לוקסוריעזער פאלאץ. עס איז א כבוד צו ווערן געלאדנט ווייל נאר געציילטע אויסגעוועלטע האבן די זכי׳ צו מעגן אריינגיין אין דעם קעניג׳ס פריוואטער פייערונגס זאל און זיך דערקוויקן מיט אלע דעלעקאטעסן וואס נאר דער קעניג האט די מעגליכקייט אהערצושטעלן.

און אזוי שפאנט דער מענטש אדורך דעם קארידאר וואס פירט צום פייערונגס זאל, ער ווערט ענטפאנגען דורך א דינער וואס נעמט איבער זיין מאנטל און דערנאך טוט א סערווירער וואס טראגט א טאץ מיט זיסקייטן אים פארשלאגן צו טועם זיין פון די דעליקאטעסן. און אז ער שפאנט נענטער צום פייערונגס זאל איז דא קאווע און טיי און אלע סארטן הייסע געטראנקען. און דער מענטש הייבט אן צו ווערן פארלוירן צווישן די פארגעניגנס וואס געפינען זיך אין דעם פרוזדור. ער געניסט פון די געשמאקע שאקאלאדן און פארגעסט אז ער שפאנט אייגנטליך בלויז אריבער א פארצימער וואו ער דארף זיך צוגרייטן צו קומען פאר׳ן קעניג; ער דארף זיך אנגרייטן מיט א באגריסונג, עפעס צו זאגן פאר׳ן קעניג, און ער דארף מאכן זיכער אז זיין שניפסל שטייט גראד און אז עס זענען נישטא קיין פלעקן אויף זיין אנצוג. ער דארף זיך קאנצענטרירן אין מאכן זיכער אז ער איז פאסיג צו אריינטרעטן אינעם פייערונגס זאל וואו ער וועט שטיין פאר׳ן קעניג און האבן די געלעגנהייט צו געניסן פון אלע קעניגליכע פארגעניגנס.

## א קלאפ אויף די פלייצע

אבער דער נארישער מענטש ווערט פארשלעפט. אפאר קליינע שאקאלאדן און א ווארעמע גלאז טיי האלט אים צו פארנומען צו קענען מאכן אזעלכע הכנות. און אפילו ווען ער גייט פארביי א שפיגל, וואס דארף אים דערמאנען וואס ער דארף ערלעדיגן אינעם קארידאר - זיך צו מסדר זיין - ווערט ער פארשלעפט פון די הערליכקייט פון דעם שפיגל, די אויסשניצונגען און בליטשקעדיגע שטיינדלעך דערויף. ער באוואונדערט די שיינקייט דערפון, ער ווערט פארלוירן אין די לוקסוס פונעם פארצימער.

וואס טוט מען מיט אזא מענטש? מען דערמאנט אים! אלזא, אין די צייט וואס דער גאסט קייט זיין שטיקל שאקאלאד און זיפט פון זיין טיי און באוואונדערט די טאפעטן, ווערט ער אויפגעציטערט דורך דעם סערווירער וואס קלאפט אים אויף די



פלייצע, "רוק זיך ווייטער, סי.ר." און ווען ער שטרעקט אויס זיין האנט צו נעמען נאך א זיסקייט, זאגט אים דער 'נאדזשענדער' סערווירער אז גענוג איז גענוג. "ניץ דעם שפיגל צו אויסגראדן דיין שניפסל, צו מסדר זיין דיין העמד און ריק זיך ווייטער. גיי נאכאנאנד ווייטער, ווער נישט פארשלעפט דורך די זיסקייטן אין דעם קארידאר. האב הנאה דערפון, אבער ריק זיך פאראויס אויפ'ן וועג צום פייערונגס זאל."

## דער סערווירער פון די סוכה

אט דער סערווירער איז די סוכה. דורכאויס זיבן טעג קלאפט אונז די סוכה אויף די פלייצע און דערמאנט אונז, "פארגעס נישט אז די וועלט איז א דירת ארעי; ס'איז בלויז א צייטווייליגע און פארביי פליענדע וועלט וואס וועט נישט בלייבן דיינס אויף אייביג. אין עטליכע טעג וועט די סוכה זיין א פארגאנגענהייט; און נאך הונדערט און צוואנציג יאר וועט אויך דיין וועלט זיין א פארגאנגענהייט."

ווי מער מיר זענען אויפמערקזאם צו אט די קלאפן אויף די פלייצע, אלץ גליקליכער לעבן מיר אויף די וועלט ווייל יעדע רגע ווערט אלץ טייערער און טייערער געשעצט; מיר טוען אויף אין די דירת ארעי פון די וועלט דורך צוגרייטן אונזער סטאנציע אין די דירת קבע פון עולם הבא.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:
**וואס איז דער צוועק פון די חול המועד טעג?**

## תשובה:
חול המועד איז געגעבן געווארן אלס א געלעגנהייט פאר א איד צו אריינטראכטן וואס דער יום טוב באדייט. אום יום טוב איז א איד זייער פארנומען; בזמן הבית איז מען געווען פארנומען מיט ברענגען קרבנות און מיר מאכן סעודות, און צומאל פארגעסן מיר צו טראכטן פון די ענינים וואס מיר דארפן לערנען פון דעם יום טוב. דערפאר איז חול המועד א צייט צו טראכטן.

עס איז דא נאך א געלעגנהייט ביים סוף פונעם יום טוב וואס ווערט גערופן 'עצרת', וואס איז אויך געגעבן געווארן אלס א צייט צו צוזאמנעמען אין קאפ אלע לערעס פונעם יום טוב. שבועות איז דער עצרת פאר פסח; עטליכע וואכן נאך פסח קומט מען צוריק צום בית המקדש צו אויסקלארן די לערעס פון פסח. און שמיני עצרת איז דער עצרת פון סוכות. שמיני עצרת וואלט געדארפט זיין א שטיק צייט נאך סוכות, עטליכע וואכן שפעטער - עס זאל זיין א געלעגנהייט צו צוריקקומען צום בית המקדש און איבער'חזר'ן אלע לערעס פונעם יום טוב סוכות, אבער די גמרא זאגט אז גלייך נאך סוכות הייבט זיך אן די ווינטער תקופה; ס'איז א רעגנדיגע צייט און אויב מ'גייט אהיים וועט מען נישט קענען צוריקקומען א חודש צוויי שפעטער ווייל די וועגן קענען זיין זומפיג. דערפאר הייסט די תורה מ'זאל מאכן די עצרת פון סוכות גלייך נאך סוכות. פסח איז אין פרילינג צייט דערפאר קען מען צוריקקומען עטליכע וואכן שפעטער אויף שבועות און דאן איבערטראכטן די פסח לערעס. אבער אויף סוכות האבן מיר שמיני עצרת גלייך נאך יום טוב צו איבערטראכטן די זאכן.

אלזא, האבן מיר צוויי געלעגנהייטן צו איבער'חזר'ן די לערעס: חול המועד און אין די עצרת. סוכות ביסטו אפשר געווען צו פארנומען; ערשט מיט'ן בויען דיין ערב סוכה, און דאן האסטו זיך געזארגט אויף דיין אתרוג און דערפאר האסטו אפשר נישט אריינגעטראכט גענוג אין די סוכות לערעס. דערפאר איז חול המועד א געלעגנהייט צו איבערטראכטן זאכן. עס איז אפאר טעג וואס געבן דיר די געלעגנהייט צו טראכטן; דו האסט די געלעגנהייט זיך צו פארטיפן מער אין די לערעס פון סוכות און אויף דעם אופן ענדיגסטו דעם יום טוב מיט א העכערקייט, ווי עס דארף צו זיין.

דערנאך, באקומסטו נאך איין טאג עס איבערצוטראכטן, וואס דאס איז שמיני עצרת; דאס איז דער טאג ווען די לערעס דארפן איינגעזעצט ווערן אין אונזערע קעפ. עצרת איז ווי א סך הכל; א לעצטער איבערזיכט - 'וואס האב איך אויפגעטון?' עס איז ווי 'חסידים ראשונים היו שוהים שעה אחת אחר תפילתם', די צדיקים פון אמאל פלעגן שטיין און דאווענען א לאנגע שמונה עשרה אבער ווען זיי האבן געענדיגט האבן זיי פארברענגט נאך אסאך צייט צו צוריקטראכטן: 'וואס האב איך אויפגעטון בשעת שמונה עשרה? ביי וועלכע טיילן האב איך נישט גענוג אריינגעטראכט? ביי וועלכע טיילן האבן מיר מחדש געווען חידושים אין אונזער דאווענען?' זיי האבן פראבירט נאכצוטראכטן און מאכן א חשבון, א סך הכל פון זייער שמונה עשרה.

דאס גלייכן איז חול המועד א געלעגנהייט צו איבערטראכטן איבער דעם יום טוב. עס איז זייער וויכטיג צו אריינטראכטן; 'וואס איז דער גאנצער באדייט פונעם יום טוב?' מיר זענען אזוי פארנומען מיט אריינברענגען דעם יום טוב; עס איז דא אזויפיל ארבעט צו טון, און דערפאר פאסירט אפט אז מענטשן טראכטן אינגאנצן נישט איבער די לערעס פונעם יום טוב סוכות. דערפאר דארפן מיר האבן אביסל צייט צו איבערטראכטן. און אויף דעם איז חול המועד געגעבן געווארן.